# ווער איז ראבערט מאולער?

## דער נייער ספעציעלער אויספארשער האט א רייכע היסטאריע אין יוסטיץ

### • ער איז געווען 12 יאר דירעקטאר פון די עף. בי. איי.

פילייכט איז דאס וויכטיגסטע אדער אינטערסאנטסטע אז ער איז געווען 12 יאר דער עף. בי. איי. דירעקטאר. פרעזידענט דזשארדזש דאבליו בוש האט אים באשטימט צו דעם אמט אין סעפטעמבער, '01, און ער איז באשטעטיגט געווארן איינשטימיג דורכ'ן סענאט וואס איז דאן געווען צעטיילט העלפט אויף העלפט צווישן די רעפובליקאנער און די דעמאקראטן. דאס ווייזט ווי רעספעקטירט מאולער איז געווען דורך אלעמען.

בלויז איין וואך נאכדעם וואס ער איז אריין אין אמט איז פארגעקומען די סעפט. 11 אטאקעס אין אמעריקע און אונטער מאולער'ס פירערשאפט האט די עף. בי. איי. געטווישט איר אריענטאציע צו שטעלן א הויפט געוויכט אויף אמעריקע'ס זיכערקייט, פירנדיג דעם קאמף קעגן טעראריזם צו באשיצן אמעריקע, אבער אין די זעלבע צייט האט די עף. בי. איי. נישט אויפגעגעבן אירע אנדערע טראדיציאנאלע פליכטן דינענדיג פאקטיש אלס אמעריקע'ס נאציאנאלע פאליציי.

די עף. בי. איי. האט אויך ארויסגעשיקט אגענטן צו וויכטיגע שטעט אין אויסלאנד, צו קענען בעסער קאארדינירן מיט יענע לענדער אינעם קאמף קעגן אינטערנאציאנאלן טעראריזם.

אן עף. בי. איי. דירעקטאר ווערט באשטימט אויף א טערמין פון 10 יאר, אבער ווען דער דעמאקראטישער פרעזידענט אבאמא איז אריין אין אמט האט ער געלאזט מאולער דינען צוויי יאר לענגער פון זיין טערמין, 12 יאר. אזוי איז ער געווארן דער דירעקטאר מיט'ן לענגסטן קאדענץ, וואס בלויז דער לעגענדארער דזשעי. עדגאר האוווער, דער ערשטער דירעקטאר און גרינדער פון די עף. בי. איי., האט לענגער געדינט אין דעם אמט.

### • ער איז געווען 12 יאר א פעדעראלער פראקוראר.

ווען פרעזידענט בוש האט אויסגעקליבן מאולער איבערצונעמען די עף. בי. איי., האט ער שוין געהאט א רייכע היסטאריע פון דינסט אינעם יוסטיץ דעפארטמענט, זייענדיג איינער פון בלויז א געציילטע פאר מענטשן וואס זענען געווען יונייטעד סטעיטס אטוירני אין צוויי אנדערע דיסטריקטן. ער איז געווען דער יו-עס אטוירני פאר'ן צפון דיסטריקט פון קאליפארניע וואס איז הויפטקווארטירט אין סאן פראנציסקא, און ער איז געווען א צייטווייליגער יו-עס אטוירני אין מאסאטשוסעטס. א יו-עס אטוירני איז דער הויפט פראקוראר, פירט אן מיט א גרויסן שטאב פון געהילף פראקורארן אין א פעדעראלן יורידישן דיסטריקט.

### • ער איז געווען א הויכער יוסטיץ באאמטער אין וואשינגטאן

ער איז געווען ספעציעלער געהילף צום אטוירני דזשענעראל ריטשארד טארנבורג אין וואשינגטאן, און נאך איין יאר האט אים טארעבורג (אין די צייטן פון ערשטן פרעזידענט בוש) באשטימט אלס שעף פונעם קרימינאל אפטיילונג אינעם יוסטיץ דעפארטמענט אין וואשינגטאן.

דארט האט ער געהאט די אויפזיכט אויף א סאך פון די וויכטיגסטע קרימינאלע אנקלאגעס, אריינגערעכנט דעם פראצעס פון דעם מאפיא הויפט-פירער דזשאן גאטי וואס זיינע פראצעסן זענען געווען אין ברוקלין, און אויך קעגן מאנועל נאריעגא, דער פירער פון פאנאמא וועמען אמעריקע האט ארעסטירט נאך אן אינוואזיע אין פאנאמא און מען האט אים אריבערגעפירט קיין מיאמי, וואו ער איז פאראורטיילט געווארן צו 30 יאר טורמע פאר זיינע פארשידענע דראג און אנדערע פארברעכנס.

### • ער איז א מיליטערישער וועטעראן

אין די וויעטנאם מלחמה, ווען מאולער האט געדינט דריי יאר אין די מארינען, האט ער אנגעפירט א פלאטון (קליינע דעוויזיע) סאלדאטן. און ער האט באקומען א "בראנז שטערן", וואס איז א היבשע אויסצייכענונג, און אויך א "פערפל הארץ", וואס דאס גיט מען פאר סאלדאטן וואס ווערן פארוואונדעט אדער שטארבן אין מלחמה.

### • ער האט געסטראשעט צו רעזיגנירן פון די עף. בי. איי.

איינע פון די זאכן וואס ווייזן אויף מאולער'ס שטאנדהאפטיגן כאראקטער איז געווען ווען ער האט געסטראשעט אז ער וועט רעזיגנירן פון זיין פאסטן אלס עף. בי. איי. דירעקטאר אויב די בוש אדמיניסטראציע וועט ווייטער אנגיין מיט א ווייערטעפן פראגראם וואס איז געווען אומקאנסטיטוציאנאל, ווייל זיי האבן געזאגט אז מען דארף נישט בעטן קיין "ווארענט", אן ערלויבעניש פון א פעדעראלן ריכטער.

עס איז געקומען צו א שטיקל קריזיס ווען די ווייסע הויז געהילפן פון בוש האבן נאך די סעפט. 11, '01, אטאקעס זיך געפירט ווי אין עמוירדזשענסי מלחמה צושטאנד נישט רעכענענדיג זיך מיט פארשידענע קאנסטיטוציאנאלע און אנדערע פונדעמאנטאלע רעכטן. אזא ערלויבעניש קומט געווענליך מיט א צייט אפשניט און ווען דאס איז אפגעלאפן און האט געדארפט נאכאמאל אונטערגעשריבן ווערן דורכ'ן אטוירני דזשענעראל, איז דער דעמאלט'דיגער אטוירני דזשענעראל דזשאן עשקראפט געווען אין שפיטאל, ערנסט קראנק.

דער הויפט געהילף דאן איז געווען דזשעימס קאומי, וועלכער האט אלס צייטווייליגער אטוירני דזשענעראל נישט געוואלט אונטערשרייבן אזא פאראררדענונג. ווען קאומי האט געהערט אז די ווייסע הויז אדוואקאטן וועלן אריבערגיין אין שפיטאל בעטן פון עשקראפט די אונטערשריפט נאכדעם

# "ספּעציעלער אדוואקאט" באשטימט:

ווי קאומי האט עס נישט געוואלט אונטערשרייבן, איז קאומי אינאיינעם מיט מאולער אריבערגעלאפן צום שפיטאל און האבן זיך אויסגע'טענה'ט און האבן אויסגעפירט, אז עשקראפט האט נישט אונטערגעשריבן.

נאך די דראאונג פון מאולער'ס רעזיגנירן, האט דאס ווייסע הויז געמאכט געוויסע ענדערונגען, גענוג צופרידנצושטעלן אים און קאומי.

פון יענעם קריזיס, איז געבליבן א נאטורליכע טיפע פריינדשאפט צווישן מאולער און קאומי אין די נאכפאלגענדע יארן.

די לאגיק דיקטירט, אז אויך איצט ווען מאולער וועט אנהויבן זיין אויספארשונג, וועט ער לייגן גרויס געוויכט אויף וואס ער וועט הערן פון קאומי, און מען קען אפילו זאגן אז אויב עס קומט צו א סתירה פון איינס קעגן איינס, וועט ער ענדערש גלויבן קאומי ווי פרעזידענט טראמפ, ווייל פאקטיש האבן זיך קאומי און מאולער אינאיינעם ארויסגעשטעלט קעגן פרעזידענט בוש ווען זיי האבן נישט געלאזט עשקראפט אונטערשרייבן אן אומקאנסטיטוציאנאלע פאראָרדענונג וואס בוש האט יא געוואלט האבן.

דאס איז אבער בלויז גערעדט טעארעטיש, ווייל קיין שום פראקוראר וועט נישט ארויסקומען מיט קיין קלאגעס קעגן א פרעזידענט סיידן עס וועט אפירקומען פעסטע באווייזן פון ערנסטע קרימינאלע אקטיוויטעט.

מען האט דאך געהערט פון קאומי אליין ווען ער האט פאריגן זומער געמאלדן אז ער רעקאמענדירט נישט קרימינאל אנצוקלאגן קלינטאן אז כאטש ער האלט אז קלינטאן איז באגאנגען ערנסטע פעלערן און איז געווען שטארק נאכלעסיג, האט ער נישט געזען גענוג באווייזן אויף א קרימינאלע אנקלאגע.

ענליכעס האט מען אויך געהערט פון קאומי עטליכע וואכן צוריק ביי זיין אויפטריט אין סענאט, ווען ער האט זיך פארערדעט בטעות אז עס זענען געווען הונדערטער און טויזנטער קלינטאן אימעילס, געהיימע אימעילס, אויפ'ן קאמפיוטער פון ענטאני ווינער, צוליב דעם האט ער דאס באטראכט גענוג ערנסט אז ער זאל איינמעלדן פאר'ן קאנגרעס אז די עף. בי. איי. האט נאכאמאל געעפנט די אויספארשונג. ווען א רעפובליקאנער סענאטאר האט אים איבערגעפרעגט פארוואס ס'איז נישט געווען קיין שום קרימינאלע קלאגעס קעגן הומא אבעדין, די קלינטאן געהילף וואס איז געווען פאראנטווארטליך פאר די אימעילס וואס מען האט געטראפן אויף איר מאנ'ס קאמפיוטער, האט קאומי אויפגעקלערט אז עס איז נישט געווען קיין באווייזן אז זי האט באוויסטזיניג פארלעצט דאס געזעץ.

שפעטער האט די עף. בי. איי. פאררעכטן קאומי'ס טעות, מעלדנדיג אז די רעדע איז געווען בלויז פון גאר געציילטע, פיליכט וויניגער פון פינף אימעילס, און קיין איינע פון זיי האט נישט געהאט קיין געהיים קלאסיפיקאציע, אבער דאס איז שוין נישט געווען קיין חילוק, ווייל נאך זיין אויפטריט אין סענאט, האט שוין פרעזידענט טראמפ באשלאסן אז ער ווערט פטור פון קאומי.

מיר האבן אבער געזען, ווי פארזיכטיג מען איז פאר'ן ארויסקומען מיט קלאגעס קעגן א וויכטיגן פאליטישאן, קען מען זיכער זיין אז מאולער וועט נישט שיסן קיין ווילדע באשולדיגונגען, און מען וועט ווארשיינליך גארנישט הערן פון אים און פון זיין אויספארשונג ביז ער וועט האבן פעסטע באווייזן, און אויב עס וועט נישט זיין קיין קראנטע באווייזן, איז ער גענוג ערליך און אויפריכטיג צו שליסן די אויספארשונג, און נישט לאזן עס פארשלעפן יארן לאנג אזוי ווי עס האט געטאן דער ספעציעלער פראקוראר קען סטאר וועלכער איז באשטימט געווארן אויסצופארשן א ריעל עסטעיט געשעפט אין ארקענסאו וואס האט זיך גערופן "ווייטוואטער", אין וואס די פרוי פון פרעזידענט קלינטאן איז געווען פארמישט אלס אדוואקאט אדער שותף פאר יענעם פראיעקט אין די פריערדיגע יארן.

די רעפובליקאנער האבן פארפירט אז עס איז געווען פול מיט שווינדל און גניבות, און אויף דעם האט אטוירני דזשענעראל דזשאנעט רינא געזאגט אז מען דארף האבן א זעלבסטשטענדיגן אויספארשער דאס צו באהאנדלען. דערנאך האט אבער רינא געגעבן ברייטערע מאכט פאר סטאר צו פארשן אלע אנדערע קלאגעס און טענות וואס זענען שפעטער אויפגעקומען קעגן פרעזידענט קלינטאן ביז עס איז געלונגען צו כאפן קלינטאן ביי א ליגנט ווען מען האט אים אויסגעפרעגט, און אויף דעם האבן די רעפובליקאנער קאנגרעסלייט געשטימט צו אימפיטשן קלינטאן וועלכע האט דערנאך געווינען דעם פראצעס אין סענאט און איז געבליבן אין אמט.

מאולער איז אבער א מער ערליכער אויפריכטיגער אדוואקאט. ער וועט ווארשיינליך נישט זוכן אנצוהאלטן אן אויספארשונג לאנגע יארן, האפנדיג אז אזוי וועט ער ענדליך טרעפן עפעס פארברעכערישע אקטיוויטעטן קעגן פרעזידענט טראמפ אדער אנדערע הויכע באאמטע.

סטאר האט אבער געשאפן א פרעצעדענט ווען ער האט פארלאנגט אז קלינטאן זאל אויסגעפרעגט ווערן אונטער א שבועה, און דאן איז אויך געווען א ציווילע אנקלאגע קעגן קלינטאן, וואס קלינטאן האט גע'טענה'ט אז אזוי ווי א פרעזידענט גענייסט פון א געוויסע אימוניטעט, זאל אלע אזעלכע אנקלאגעס אפגעלייגט ווערן ביז נאכדעם וואס די פרעזידענט גייט שוין ארויס פון אמט. דער סופרים קארט האט עס אבער צוריקגעוויזן און קלינטאן האט זיך געמוזט לאזן אויספרעגן אונטער א שבועה דורך די אדוואקאטן פונעם פריוואטן אנקלעגער און אזוי איז ער אריינגעפאלן אין "פוירדזשערי".

דער היינטיגער פרעזידענט טראמפ איז פארוויקלט אין צענדליגער ציווילע אנקלאגעס, וואס עווענטועל וועלן טייל פון זיי אנקומען צו א שטאטוס ווען מען וועט שוין מוזן אויספרעגן טראמפ אליין, וועט יענער סופרים קארט פרעצעדענט איצט אויסשטעלן טראמפ צום געפאר פון פוירדזשערי.

- **מאולער האט פארפיגט אויף שליכטן די אנקלאגעס קעגן פאלקסוואגען**

דער ריכטער וואס האט אנגעפירט די אנקלאגעס קעגן די דייטשע פאלקסוואגען אויטא פירמע האט זיך געווענדן צו מאולער אז ער זאל "נוצן זיין באדייטנדע ערפארונג און שיקול הדעת צו ערלעדיגן די שליכטונג פאראהאנדלונגען צווישן די פארשידענע צדדים אין די דאזיגע קאמפליצירטע זאכן."

ער איז זייער רעספעקטירט

אין די ערשטע רעאקציעס, האט יעדער געהאט בלויז גוטע זאכן צו זאגן אויף אים, סיי אין די פאליטישע וועלט וואו ער איז באגריסט געווארן פון פאליטישאנס פון ביידע פארטייען און אויך פון די לעגאלע וועלט. טייל האבן אים אפילו באצייכנט ווי דער סאמע רעספעקטירטסטער געזעץ און יוסטיץ באאמטער אין גאנצן לאנד.

אריינקומענדיג מיט אזויפיל גוטע אפשאצונגען, לייגט דאס א גרעסערן עול אויף מאולער אנצופירן א יושר'דיגע אויספארשונג.